קונטרס

# יפה ירושתינו

משנת אדונינו מורינו ורבינו צדיק הדורות
נַנְמ"ח מוהר"ן מברסלב זצוק"ל
מפי
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שכטער** שליט"א

**ספה"ק משיבת נפש**
אותיות
כ' - כ"א (ח"א)

**אידיש**
מועתק מלשונו הזהב

קונטרס י"ב
חודש תמוז תשפ"ד לפ"ק

לשמיעת המאמר מפי הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

718-586-5199

**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: **yyryms1@gmail.com**
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20
עבור הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודאה בקול דורשי יחודך נומער 9, או לשלוח אימעל בבקשה

©
כל הזכויות שמורות

נסדר לדפוס ע"י:

ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


התרחקות תכלית ההתקרבות ............................................ א
די בעסטע פירות פון ישיבה ............................................ ג
דאס באזייגטיגער קינד ............................................ ד
ווען נישט די אלע מיטמאכענישן... ............................................ ו
לאז מיך אפ! ............................................ ח
דער מאכטפולער קראפט פון 'דיבור' ............................................ ט
סוף כל סוף וועט דאס אויספירן! ............................................ י
דער סימן פון א בן עולם הבא ............................................ יב
כח הבחירה בדיבור ............................................ יג
די עצה ארויסצוקלאפן פחדים ............................................ יד
זיך איינקווארטירן מיטן מויל ............................................ טו
דער הייגטיגער בית המקדש ............................................ טז
אנגעהויבן זען א שינוי אין די קינדער ............................................ יט
וועמען איז צו פארדאנקען דאס גאנצע יראת שמים זיינע? ... כב
א איד רעדט פון אמונה! ............................................ כג
פון וואנעט האט דאס הארץ זיך צעברענט? ............................................ כד
נישט געקענט אויסלאזן דעם 'שם שמים' ............................................ כה

# קונטרס י"ב

## 'אותיות: כ', כ"א (ח"א)

### אות כ'

הַהִתְרַחֲקוּת הוּא תְּחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת, הַיְנוּ כְּשֶׁאָדָם רוֹצֶה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֲזַי עַל פִּי רֹב בָּאִים עָלָיו דִּינִים וְיִסּוּרִים וּמְנִיעוֹת רַבּוֹת וַעֲצוּמוֹת, וְנִדְמֶה לוֹ כְּאִלּוּ מְרַחֲקִים אוֹתוֹ, אֲבָל כָּל זֶה לְטוֹבָה בִּשְׁבִיל הִתְקָרְבוּת, וְצָרִיךְ לְהִתְחַזֵּק וּלְהִתְגַּבֵּר וּלְהִתְאַמֵּץ וְלַעֲמֹד בַּנִּסָּיוֹן הַזֶּה שֶׁלֹּא יִתְרַחֵק חַס וְשָׁלוֹם, עַל יְדֵי הַיִּסּוּרִים וְהַמְּנִיעוֹת וְהַהִתְרַחֲקוּת, וְאַל יִטְעֶה בְּעַצְמוֹ לוֹמַר שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ חַס וְשָׁלוֹם, רַק יֵדַע וְיַאֲמִין, שֶׁכָּל מַה שֶּׁעוֹבֵר עָלָיו הַכֹּל לְטוֹבָתוֹ, כְּדֵי שֶׁיִּתְגַּבֵּר לְהִתְקָרֵב יוֹתֵר, כִּי הַהִתְרַחֲקוּת הִיא רַק בִּשְׁבִיל הַהִתְקָרְבוּת

(ליקוטי מוהר"ן סי' ע"ד)

### התרחקות תכלית ההתקרבות

דער רבי זאגט:

**"הַהִתְרַחֲקוּת הוּא תְּחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת. הַיְנוּ כְּשֶׁאָדָם רוֹצֶה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֲזַי עַל פִּי רֹב בָּאִים עָלָיו דִּינִים וְיִסּוּרִים וּמְנִיעוֹת רַבּוֹת וַעֲצוּמוֹת, וְנִדְמֶה לוֹ כְּאִלּוּ מְרַחֲקִים אוֹתוֹ, אֲבָל כָּל זֶה לְטוֹבָה בִּשְׁבִיל הִתְקָרְבוּת".**

אדרבה, דער גאנצער ריחוק איז כדי ער זאל זיך נאכמער שטארקן, און אז ער זאל מהפך זיין די אלע נפילות צו עליות, וואס דעמאלס זענען די עליות אמת'דיגע עליות, דעמאלס איז עס מיט א קיום.

די גמרא זאגט[א], רבי יהודה'ן איז געווען אמאל 'בדיחא דעתיה', וואס ווען מען פרעגט אים ווען 'כל חללי עלמא'[ב] וואלט ער אלץ געענטפערט. איז דא דארט כמה זאכן וואס מען האט אים געפרעגט און ער האט געענטפערט [עס איז דא כמה תורות אין ליקוטי מוהר"ן אויף די מאמרים[ג]].

איינע פון די זאכן האט מען אים געפרעגט: "**מַאי טַעְמָא עִזֵּי מַסְגָן בְּרֵישָׁא וַהֲדַר אִימְרֵי?**". אז א פאסטוך פירט שאף, די ערשטע גייען די ציגן - זיי גייען פריער - אזוי פירן זיך די אלע פאסטוכער; לכאורה וואס איז דער ענין אז צום ערשט גייען די שווארצע ציגן און נאכער גייען די ווייסע שאף? אלע זאכן וואס טוען זיך אויף דער וועלט איז דאך מרמז אויף הויכע זאכן, איז בשעת רבי יהודה איז געווען 'בדיחא דעתיה' האט מען אים אנגעפרעגט דעם טעם פון דעם, וואס איז דער סוד פון דעם.

האט ער זיי געענטפערט: "**כִּבְרִיָּיתוֹ שֶׁל עוֹלָם - דִּבְרֵישָׁא חֲשׁוֹכָא**", און נאכדעם "**וַהֲדַר נְהוֹרָא**"; אט דאס איז די בריאה: "**וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר**"[ד].

עס איז דא אסאך טעמים אין דעם פארוואס עס דארף אזוי גיין; אבער איינע פון די טעמים איז, ווייל "**כִּיתְרוֹן הָאוֹר מִן הַחֹשֶׁךְ**"[ה]. פון וואנעט ווייס איך די געשמאקייט פון ליכטיגקייט? ווייל עס איז געווען פינסטער! ווען נישט וואלט מען נישט געוואוסט דאס געשמאק פון ליכטיגקייט.

---

**א.** שבת עז ע"ב.

**ב.** פירש"י: דברים הנעשים בכל חלל העולם.

**ג.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ה'; סי' ט"ו; ליקוטי הלכות הל' תחומין ה"ו, אותיות ח'-י"א.

**ד.** בראשית א', ה'.

**ה.** קהלת ב', י"ג.

ווען דעם מענטש וואלט געווען כסדר ליכטיג און מען וואלט געזאגט דעם מענטש - ׳דאנק דעם אויבערשטן אויף וואס עס איז ליכטיג׳, (היה תְּמֵהַ), ׳וואס מיינט דאס?׳ ווייל ער וואלט קיינמאל נישט געשפירט אנדערש, ער האט נאך נישט געשפירט דאס נישט-זיסקייט אָן קיין ׳אור׳, ער ווייסט נישט ווי חשוב איז דער ׳אור׳.

אז ער שפירט נישט אז דער אויבערשטער האט באשאפן דעם אור, וואלט ער גארנישט געדאנקט פאר דעם. אבער אז עס איז פינסטער, דערנאך אז עס ווערט ליכטיג, דעמאלס פארשטייט מען אז דער אויבערשטער האט באשאפן די ליכטיגקייט, דאנקט מען השם יתברך **"יוֹצֵר אוֹר וּבוֹרֵא חֹשֶׁךְ"**[ו].

ווען א מענטש האט נישט קיין ירידות, קען נישט די עליות האבן קיין קיום, ווייל ער האט נישט קיין געשמאק אין די עליות, ער פילט נישט דעם ערך פון די עליות[ז].

## די בעסטע פירות פון ישיבה

עס איז דא א ישיבה - איינע פון די גרעסטע ישיבות אין דער וועלט, האבן זיי אויסגערעכנט, אז פון אלע תלמידים זייערע זינט די ישיבה איז נתייסד געווארן, אלע רבנים און אלע ראשי ישיבות וואס

**ו.** ישעי׳ מה, ז׳. גם עיין ליקוטי הלכות הל׳ נפילת אפים ה״ד, אות כ״א: עיקר השגת האור, שהוא אור האין סוף, הוא על ידי המסדר והמיישב, שהוא בחינת המעכב הנ״ל, שהוא בחינת חושך, בחינת (תהלים יח) **ישת חושך סתרו**. שזה החושך הוא למעלה מכל האורות, כי על ידי זה משיגין אור האין סוף כנ״ל. וזהו, **והיה לעת ערב יהיה אור**. כי עיקר השגת האור אין סוף הוא על ידי המעכב, שהוא המסדר והמיישב, שהוא בחינת חושך העליון כנ״ל. ועל כן גם בסדר הבריאה קודם החושך לאור, כמו שכתוב, **ויהי ערב ויהי בוקר** וכו׳ **ברישא חשוכא והדר נהורא**(שבת עז), כי אי אפשר להשיג האור כי אם על ידי החושך, בבחינת (קהלת ב), **כיתרון האור מן החושך**.

**ז.** עיין ליקוטי הלכות הל׳ קריאת התורה ה״ו, אות י״ח: **בהכרח**שיעברו על כל אדם עליות וירידות הרבה מאד. **והכל בשביל התחדשות**הנ״ל, **שבשביל זה נברא יום ולילה אור וחושך, והוא יתברך מאפיל ומאיר בגשמיות וברוחניות בכלל ובפרט בכל אדם ובכל זמן**.

איז געווארן פון די ישיבה - האבן זיי געמאכט דעם חשבון - איז על פי רוב נישט פון די עילויים, נאר פון די מתמידים!

פארוואס?

דער פשוט'ער שכל איז אויך אזוי, ווייל דער עילוי האט נישט געהאט קיין "קודם חשוכא והדר נהורא", אבער דער מתמיד וואס איז נישט געווען קיין עילוי און נאכדעם האט ער געקענט לערנען, האט דאס לערנען ביי אים א קיום, ווייל דאס לערנען האט ביי אים א חשיבות, אט דאס איז קיָם לעד!

### דאס באזייגטיגער קינד

חז"ל זאגן[ח], פארוואס 'לא נתקיימה מלכותו של שאול'? ווייל עס איז נישט געווען קיין דופי אין די משפחה, דעריבער אויב די מלכות וואלט נמשך געווארן, וואלטן זיי ארייינגעפאלן אין א געוואלדיגע גאוה - אזא זאך קען נישט האבן קיין קיום. [ווייזט אויס, דאס וואס ער האט פארלוירן די אייזלען[ט] איז געווען צו א ווינציגע "ירידה קודם העליה"...].

אבער ביי דוד'ן איז געווען **"מָאֲסוּ הַבּוֹנִים"**[י], אויף דוד'ן איז איבערגעאנגען פון זינט ער איז געבוירן געווארן.

**ח.** יומא כב ע"ב: אמר רב יהודה אמר שמואל, מפני מה לא נמשכה מלכות בית שאול? מפני שלא היה בו שום דופי. דאמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יהוצדק, אין מעמידין פרנס על הציבור אלא אם כן קופה של שרצים תלויה לו מאחוריו, שאם תזוח דעתו עליו, אומרין לו, חזור לאחוריך. [ופירש"י שם: לא נמשכה - לאורך ימים. שלא היה בו שום דופי - משפחה, ויתגאו המלכים היוצאים מזרעו על ישראל. אבל דוד - מרות המואביה אתא. קופה של שרצים - דופי משפחה].

**ט.** עיין שמואל-א' ט', ג'.

**י.** תהלים קיח, כב.

מען זעט א דבר פלא, די גמרא זאגט[יא], ישי איז געווען אזא גרויסער מענטש, אז "**שֶׁיָּצָא בְּאוּכְלוּסָא, וְנִכְנַס בְּאוּכְלוּסָא, וְדָרַשׁ בְּאוּכְלוּסָא; וְתָּנָא, אֵין אוּכְלוּסָא פְּחוּתָה מִשִּׁשִּׁים רִבּוֹא**". דאס הייסט, ישי איז געווען אזא גרויסער מענטש, אז ווען ער פלעגט ארויסגיין צו גיין אויף א פלאץ, פלעגן אים באגלייטן ששים רבוא מענטשן, און אז ער פלעגט אנקומען אין שטאט, פלעגן אים מקבל-פנים זיין ששים רבוא מענטשן - אזא גרויסער מענטש איז ער געווען.

קומט צו אים שמואל הנביא און ער זאגט אים, "איינע פון דיינע קינדער איז מלך ישראל - ברענג זיי אלעמען אהער!". האט ער אלעמען געברענגט - א חוץ דוד, (כי חשב:) 'ער וועט דען זיין מלך ישראל?!' - אזוי בָּזוי איז ער געווען - אז אפילו ביי ישי איז ער געווען אזוי בזוי; אט דאס איז "אבן מאסו הבונים".

וויבאלד ער האט געהאט אזויפיל ירידות, אזויפיל מעברים, דערפאר איז זיין מלכות קיָם לעד; "**דוד מלך ישראל חי וקים**"[יב].

קומט אויס, בשעת עס איז מעיקרא 'חשוכא' - אז דער אויבערשטער העלפט - קומט אַן אנדער נהורא', און דער 'נהורא' האט א קיום[יג].

---

**יא.** ברכות נח.

**יב.** גמ' ראש השנה דף כ"ה ע"א.

**יג.** עיין ספר 'דורשי יחודך' (יסודי היהדות מאמר ט') וז"ל מורינו שליט"א: זעהט מען דאך ווי ער האט מהפך געווען אז פון דעם וואס איז געווען 'ראוי להיות נפל', ער האט נישט געהאט אינגאנצן קיין יארן, למעשה האט ער געלעבט זיבעציג יאר און עס איז געווארן "דוד מלך ישראל חי וקיים"! קומט אויס, דווקא דער וואס האט נישט געהאט קיין לעבן, אויף דעם זאגט מען "דוד מלך ישראל חי וקיים"!.

קומט אויס, **דאס איז דער לימוד פון דוד'ן, מאכן פון אלע ירידות, עליות!** עס איז טאקע דא א זוהר: "**לֵית נְהוֹרָא אֶלָּא הַהוּא דְּנָפִיק מִגּוֹ חֲשׁוֹכָא**". דאס הייסט, דווקא פון דעם וואס א מענטש ווערט מקורב צום אויבערשטן מיטן חושך, מיט דעם שאפט ער דעם אור! "**לֵית מִתְקָא אֶלָּא מִגּוֹ מְרִירָא**"– אלע מתיקות קומען דווקא דורך מרירות אז דער אייבערשטער העלפט! דאס איז טאקע דער לימוד פון דוד'ן.

## וועט נישט די אלע מיטמאכענישן...

דער רבי זאגט אין א פלאץ[יד], סוף כל סוף וועט א מענטש זען, אז אלע ירידות זיינע, און אלע מעברים זיינע, אויב ער דערהאלט זיך אין די אמונה הקדושה, ער דערהאלט זיך אין תפילה, ער דערהאלט זיך אין השם יתברך, ער זעט אז פון אלע זיינע ירידות זאלן ווערן עליות, סוף כל סוף וועט ער זען אז אלץ וואס ער איז צוגעקומען צו השם יתברך, מיט אט דעם גוון, מיט אט דער זיו השכינה, מיט אט דער התקרבות, וואס דאס איז דאך נצחיות, דאס איז אלץ געווען מיט די כלים וואס איז געווארן פון די ירידות!

**די אלע ירידות ווערן כלים צו מקבל זיין אלע מיני עליות!**[טו]

קומט אויס, אדרבה, אז עס גייט איבער אויף א מענטשן מעברים ברוחניות בגשמיות אבער ער דערהאלט זיך, איז לכתחילה מיינט ער אז מען איז אים גאר מרחק, אבער דערנאך זעט ער - לעתיד וועט ער זען - ווי אט די אלע הרחקות איז געווען דער תכלית הקירוב, וואס ווען מען גיט אים דאס נישט וואלט ער נישט געהאט אזא סארט התקרבות.

---

**יד.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קפ"ה: כל אלו היגיעות והטרחות שיש לו בתחילת ההתקרבות, הם טובה גדולה להאדם, כי על ידי זה זוכה אחר כך לקבל הרבה קדושה וטהרה, **כי על ידי היגיעות שבתחילה, נעשה הכלי, וכל מה שיש לו יותר יגיעות וטרחות וכו', יש לו כלי גדול ביותר לקבל אחר כך בתוכו שפע קדושה וטהרה להתקרב להשם יתברך**.

**טו.** עיין לקמן במשיבת נפש אות ל' מהדו"ב (עפ"י הל' מנחה ה"ז, ל"ב), והרי חלק לפניך מש"ש בא"ד, וז"ל: על ידי התשובה נתהפכין העוונות לזכיות, כי נעשה תיקון על ידי הקלקולים, כי כל מה שקלקל והמשיך האור למקום שהמשיך שזה עיקר הקלקול, אבל אחר כך כשנתעורר בתשובה הוא מקיים הכל **ואזי נעשה על ידי זה דייקא כלים חדשים ונמשך לתוכן אור חדש ונפלא**. כי על ידי שהמשיך האור למקומות גסים וכו על ידי זה נתעבו הכלים ויכולים אחר כך לזככן, עד שיתהפך הכל לטובה **שדייקא על ידי זה יתהוו כלים נפלאים לקבל האור חדש שלא היו יכולים לקבל מקודם כי לא היה אפשר להתהוות הכלים כי אם על ידי זה**, שזהו בחינת ירידה תכלית העליה, עוונות נתהפכין לזכיות, התרחקות תכלית התקרבות.

אט דאס זאגט דער רבי:

**"וְנִדְמֶה לוֹ כְּאִלּוּ מְרַחֲקִים אוֹתוֹ, אֲבָל כָּל זֶה לְטוֹבָה בִּשְׁבִיל הִתְקָרְבוּת. וְצָרִיךְ לְהִתְחַזֵּק וּלְהִתְגַּבֵּר וּלְהִתְאַמֵּץ וְלַעֲמֹד בְּנִסָּיוֹן הַזֶּה שֶׁלֹּא יִתְרַחֵק חַס וְשָׁלוֹם, עַל יְדֵי הַיִּסּוּרִים וְהַמְּנִיעוֹת וְהַהִתְרַחֲקוּת".**

מען דארף זייער שטארק אכטונג געבן מען זאל נישט נתרחק ווערן דורך די יסורים און די מניעות און די התרחקות[טז].

אדרבה, צום סוף אויב מען ווערט נישט מרוחק, העלפט טאקע דער אויבערשטער אז עס ווערט התקרבות, די גאנצע יסורים מיט די התרחקות ווערט א תכלית ההתקרבות.

**טז.** עיין ישמח ישראל לחנוכה, וז"ל: על פי מאמר הכתוב (משלי ו׳, כ"ג) "כִּי נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר וְדֶרֶךְ חַיִּים תּוֹכְחוֹת מוּסָר", ופירש רש"י ז"ל תוכחות המוסר הם מטים את האדם לחיים נמצא שהם דרך החיים. והענין הוא על פי דברי קודש הגאון האלקי היהודי הקדוש מפרשיסחא ז"ל על הכתוב (תהלים ע"ו, ט׳) "מִשָּׁמַיִם הִשְׁמַעְתָּ דִּין אֶרֶץ יָרְאָה וְשָׁקָטָה", שדין איננו הנהגה עצמית רק ליראות בהשבט, ואח"כ כשישראל שומעים הדין הנורא ומפחדים וזוחלים ורועדים מאימת הדין, ושקטה - נשקטו ונמתקו הדינים מעליהם. כי באמת **אין מטרת כוונת אב הרחמים לייסר ולהעניש ח"ו, אך היא דרך המביא לו חיים, כי היסורים מנקין עוונותיו של אדם**(ע׳ ברכות ה׳.) ונעשה מזוקק ומזוכך, והתקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין, כי **"ברישא חשוכא והד"ר נהורא ויליף מבריאתו של עולם"** (ע׳ שבת ע"ז ע"ב), והדר זה הד"ר ממלכין קדמאין שממנו התחיל החיות. וזה מאה"כ (איוב י"ט, כ"ו) "וְאַחַר עוֹרִי נִקְּפוּ זֹאת וּמִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱלוֹקַּ", וכמו שכתב רש"י ז"ל שם "והם אינם נותנים לב לגואלי אלא אחר מכת עורי" וכו׳, עיי"ש, ואם האדם היה משים אל לבו היטב ממקור מי יצאו היסורין והדינים, ומי הוא המעריב ערבים, היה יודע שכל זה הוא לטובתו כי מאתו לא תצא הרעות, והיא בבחי׳ "אהבה מסותרת", **"כי לית נהורא אלא ההוא דנפיק מגו חשוכא"**(זוה"ק ח"ב קפ"ד ע"ב), **לא כמו השוטים שיקשה בעיניהם מה לו לעשות בתחילה החשכות והצרות ואח"כ הישועות**. וזה מאמר הכתוב "ודרך חיים תוכחות מוסר", שהוא כדי לבא לדרך חיים, כמו שכתוב רש"י ז"ל שם. וכמאמר הכתוב (זכרי׳ י"ד, ז׳) **"וְהָיָה לְעֵת עֶרֶב יִהְיֶה אוֹר"**, כמו השומרי לילה כל מקום שרואים התגברות חשכת הלילה בתוקפו **"אָמַר שֹׁמֵר אָתָא בֹקֶר"**.

"וְאַל יִטְעֶה בְּעַצְמוֹ לוֹמַר שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ חַס וְשָׁלוֹם"

- עס זאל זיך אים נישט דאכטן אזוי, ווייל דער אויבערשטער מיינט נישט אים צו מרחק זיין, דער אויבערשטער מיינט אים נאר צו מקרב זיין.

"רַק יֵדַע וְיַאֲמִין, שֶׁכָּל מַה שֶּׁעוֹבֵר עָלָיו הַכֹּל לְטוֹבָתוֹ, כְּדֵי שֶׁיִּתְגַּבֵּר לְהִתְקָרֵב יוֹתֵר".

## לאז מיך אפ!

מען זעט א דבר פלא, עס ווערט געבראכט[יז]; משה רבינו ביים עגל האט ער דאך געבעטן דעם אויבערשטן; האט דער אויבערשטער אים געזאגט[יח]: "**וְעַתָּה הַנִּיחָה לִּי**" – לאז מיר אפ, "**וְיִחַר אַפִּי בָהֶם**".

עס איז א מורא'דיגע זאך, דער אויבערשטער זאגט דאך צו משה רבינו - 'לאז מיר אפ!'. דאכט זיך, אז מען זאגט א מענטשן 'לאז מיר אפ' איז דאך עס א געוואלדיגע התרחקות.

איר ווייסט אבער וואס משה האט גע'דרש'נט? משה האט גע'דרש'נט, פארוואס זאגט ער מיר "לאז מיר אפ"? אז דו זאגסט מיר 'לאז מיר אפ', איז דער פשט, דו האסט מיר מגלה געווען אז **מיין** תפילה האט דיר צוגעהאלטן כביכול!

אזא גילוי ביסטו מיר מגלה - אז איך קען דיר צוהאלטן כביכול!

הייסט דאס אז דו ווילסט אז איך זאל וויסן אז איך קען דיר צוהאלטן, איז ווילסטו דאך מיינע תפילות!

אט דאס הייסט - אין דעם התרחקות האט ער געפונען דעם תכלית ההתקרבות!

---

**יז.** עיין רש"י על דברים ג, כ"ד: אתה החלות להראות את עבדך - פתח להיות עומד ומתפלל אע"פ שנגזרה גזירה. אמר לו, ממך למדתי, שאמרת לי "ועתה הניחה לי", וכי תופס הייתי בך? אלא לפתוח פתח, שבי היה תלוי להתפלל עליהם.

**יח.** שמות לב, י.

אט דאס איז ביי יעדן מענטש אזוי, עס דאכט זיך דעם מענטשן אז דער אויבערשטער איז אים מרחק; אבער אז ער וועט זיך איינ'עקשנ'ען, וועט ער זען אז דער ריחוק איז געווען דער תכלית הקירוב!

**"כִּי הַהִתְרַחֲקוּת הִיא רַק בִּשְׁבִיל הַהִתְקָרְבוּת".**

*

## אות כ"א

**עֵצָה לְהִתְחַזְּקוּת הוּא הַדִּבּוּר, דְּהַיְנוּ שֶׁאֲפִלּוּ אִם נָפַל לְמָקוֹם שֶׁנָּפַל אַף עַל פִּי כֵן יִתְחַזֵּק גַּם שָׁם לְדַבֵּר דִּבּוּרֵי אֱמֶת, דְּהַיְנוּ דִּבּוּרֵי תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם וְלָשׂוּחַ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ וְלָשׂוּחַ עִם חֲבֵרוֹ וּמִכָּל שֶׁכֵּן עִם רַבּוֹ, כִּי הַדִּבּוּר יֵשׁ לוֹ כֹּחַ גָּדוֹל לְהַזְכִּיר אֶת הָאָדָם בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּלְחַזְּקוֹ תָּמִיד אֲפִלּוּ בַּמְּקוֹמוֹת הָרְחוֹקִים מֵהַקְּדֻשָּׁה מְאֹד.**
(ליקוטי מוהר"ן סי' ע"ח).

### דער מאכטפולער קראפט פון 'דיבור'

**"עֵצָה לְהִתְחַזְּקוּת, הוּא הַדִּבּוּר".**

- די עצה צו זיך מחזק זיין כסדר אין השי"ת איז דער דיבור.

**"דְּהַיְנוּ שֶׁאֲפִלּוּ אִם נָפַל לְמָקוֹם שֶׁנָּפַל, אַף עַל פִּי כֵן יִתְחַזֵּק גַּם שָׁם לְדַבֵּר דִּבּוּרֵי אֱמֶת, דְּהַיְנוּ דִּבּוּרֵי תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, וְלָשׂוּחַ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, וְלָשׂוּחַ עִם חֲבֵרוֹ" -**

דו זאלסט רעדן מיט א חבר פון אמונה, פון אידישקייט

**"וּמִכָּל שֶׁכֵּן עִם רַבּוֹ".**

**"כִּי הַדִּבּוּר יֵשׁ לוֹ כֹּחַ גָּדוֹל לְהַזְכִּיר אֶת הָאָדָם בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּלְחַזְּקוֹ תָּמִיד אֲפִלּוּ בַּמְּקוֹמוֹת הָרְחוֹקִים מֵהַקְּדֻשָּׁה מְאֹד".**

דער בעל דבר פירט זיך אלעמאל אין אזא בחינה פון "עבירה גוררת עבירה"; אז א מענטש ווערט דערווייטערט פון ה' יתברך, רעדט אים

דער בעל דבר איין - 'דו ביסט דאך סיי ווי ווייט'... אדרבה, ער קומט נאך מיט אַן אמת, מיט שלימות, 'דו רעדסט פון אויבערשטן? דו רעדסט פון אמונה? דו רעדסט פון אידישקייט? דו האסט דאך געטון 'כך וכך', דו ביסט דאך אזוי און אזוי!' (וכדו')[יט].

דער אמת איז אבער, דאס איז מעשה בעל דבר. ווייל א מענטש דארף וויסן אז אַוואו ער איז, און אַוואו ער געפינט זיך, אליבא דאמת איז נישטא קיין רשות אחרת – נאר השם יתברך, ממילא דארף ער טון וואס ער קען; עס איז קיין סתירה נישט.

ווי א מענטש קוקט אויס, אויב ער רעדט פון אמונה, ער רעדט פון בטחון, ער רעדט פון השתוקקות צו השם יתברך, זאגט עס אז דער פנימיות פנימיות לבו וויל נישט אוועקגיין פון השם יתברך.

## סוף כל סוף וועט דאס אויספידן!

מען זעט דאס פארקערט, אז איינער זאל רעדן חס ושלום 'ניבול פה' צו אנדערע שלעכטע דיבורים, און מען וועט אים זאגן - 'וואס טוסטו', און ער וועט זאגן - 'איך האלט דאך נישט ביי דעם', ווייסט מען גאנץ גוט אז עס נישט ריכטיג, ווייל דער דיבור קען אים מוריד זיין אין שאול תחתיות[כ].

**יט.** עיין ליקוטי הלכות הל' רבית ה"ה, אות כ"ד: צריך ליזהר לזכור היטב ענין הנ"ל, שיזהר מאד מאד שהאמת לא ירחיק אותו ח"ו מהשם יתברך ותורתו הקדושה, **כי כל ההתרחקות והנפילות שבדעתו הכל על ידי האמת**, מחמת שיודע בעצמו **האמת**שפגם וקלקל, בפרט מי שיודע שקלקל הרבה מאד. וגם עתה הוא כמו שהוא. ועל כן אומר בדעתו, הלא אני יודע האמת בעצמי עוצם קלקולי. ועל ידי זה נופל בדעתו ומתרחק כמו שמתרחק רח"ל. נמצא, שכל התרחקותו ונפילתו הוא על ידי האמת. **אבל באמת צריכין להתרחק מאמת כזה**, עיין עוד שם בפנים.

**כ.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ד: צריך ליזהר מאד מדיבורים של כפירה ואפיקורסות, אף על פי שאינו אומרם מלבו; היינו שהוא בעצמו מאמין ואינו כופר, חס ושלום, רק שהוא חוזר ואומר דברי אפיקורסות ששמע בשם אחרים, שהם אפיקורסים, והוא מתלוצץ מהם, אף על פי כן גם מזה צריך ליזהר מאד, כי **הדיבור הזה של כפירה מזיק לאמונה**. גם הוא איסור גמור, כי על השם יתברך, ברוך הוא, אסור לומר דברי הלצות, אפילו בדרך שחוק.

עס ווערט געבראכט[כא], א מענטש טוט נישט קיין זאך אָן דעם וואס עס זאל דורכגיין די 'מחשבה ודיבור', דערנאך קומט עס צו 'מעשה'.

אסאך מאל איז דא אזעלכע זאכן וואס דער בעל דבר וויל צוברענגען א מענטשן צו א שלעכטע זאך, אבער איידער ער פועל'ט נישט ביי דעם מענטשן אז ער זאל עס ארויסרעדן, קען נאך דער בעל דבר נישט שולט זיין אויף אים אז ער זאל עס טון למעשה, ווייל דער דיבור האט א געוואלדיגן כח[כב].

די זעלבע זאך איז פארקערט, אז א מענטש רעדט הייליגע דיבורים, און ער בענקט און ער האפט, ער רעדט צו זיך, ער רעדט צום אויבערשטן, ער זאגט תהלים, ער רעדט מיט א חבר אין אידישקייט, דארף ער וויסן, דאס איז א סימן אז ער האלט זיך ביי השם יתברך, און דאס זאגט אויף פנימיית לבו אז ער וויל פארט השם יתברך![כג].

---

**כא.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ס"ו, אות ד'.

**כב.** עיין ליקוטי הלכות הל' אומנין ה"ד, אותיות כב-כט, וזל"ש בקיצור (מאוצר היראה): וזה שאמר דוד המלך ע"ה: "בחנת לבי פקדת לילה צרפתני בל תמצא" - היינו שאמר בשביל כלל ישראל: ידעתי שלא עמדתי בנסיון כראוי, כי לא זכיתי עדיין להינצל בשלימות מכיסופין דהאי עלמא, אך: "זמותי בל יעבר פי", **כי על־כל־פנים שומר אני את עצמי שלא להוציא הכיסופין והמחשבות אלו על הדיבור־פי ח"ו, כי ידעתי גודל כח הדיבור של הכיסופין, שנעשין על־ידו פעולות ממש בעולם**, על־כן אני שומר את עצמי לבלי להוציא על פי כיסופין רעים ח"ו, בכדי שלא יהיו נעשין על־ידם פעולות רעות בעולם רח"ל, רק אני מרגיל את עצמי לדבר תמיד דיבורים קדושים של כיסופין טובים, לקרות תמיד אליך שתשיבני אליך באמת, ועל־ידי־זה נעשין פעולות טובות בעולם. וזהו: "לפעולות אדם בדבר שפתיך" - שאני נשמר לדבר רק דיבורים קדושים שהם בחינת "דבר שפתיך", כדי שעל־ידי־זה יהיו נגמרין כל פעולות אדם לטובה.

**כג.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"א (מליקוטי עצות): **אך כדי שתצא נפשו מכח אל הפועל, צריך לדבר בפה הכיסופין וההשתוקקות שלו, ועל ידי זה פועל שיהיה נעשה בקשתו ויזכה להגיע למה שהוא נכסף.** וזהו מעלת השיחה בינו לבין קונו, שצריכין לשיח ולדבר בינו לבין קונו בכל יום, ולדבר בפה מלא הרצונות והכיסופין שלו הטובים, דהיינו מה שחסר לו בעבודת השם, שהוא רוצה ומשתוקק שימלא לו השם יתברך. ומבקש ומתפלל ומתחנן לפני השם יתברך על זה שירחם עליו למלאת רצונות וכסופים שלו הטובים, **ועל ידי זה יזכה להוציא מכח אל הפעל, לפעול מה שצריך**, ע"כ. ועיין שם בפנים שמבאר שכמו כן להיפך.

דער בעל-דבר רעדט אים נאר איין, 'ניין, מען דארף דאך זיין אַן איש אמת, און אז דו האלסט נישט ביי דעם, איז וואס רעדסטו?!'. עס איז אבער נישט ריכטיג, א איד איז א חלק אלקי ממעל! א איד קען פון אויבערשטן נישט אוועקגיין בשום אופן שבעולם! פארקערט, די רע איז נאר א חיצוניות וואס האט זיך מתגבר געווען אויף אים וואס וויל אים אפרייסן!

אבער איינמאל מען רעדט, איז מען מגלה דער פנימיות הלב וואס דאס איז דער אמת, און סוף כל סוף וועט מען טאקע אויספירן אזוי ווי די דיבורים וואס מען רעדט[כד].

אזוי ווי ביי 'להרע', אזוי איז די זעלבע זאך פארקערט - 'להיטיב'.

## דער סימן פון א בן עולם הבא

עס שטייט פון חיד"א[כה]: **"לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ"** - א מענטש זאל נישט מאכן וואָכנדיג זיינע רייד, פארוואס? ווייל **"כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה"** - ווי דו וועסט רעדן - אזוי וועסטו טון.

---

**כד.** עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הראיה ה"ה, אות י"ד, וזל"ש בקיצור (עפ"י אוצר היראה): **עיקר כח מלכות דקדושה, שהוא בחינת מלכות משיח, הוא על־ידי הדיבור**, בבחינת מלכות פה. כי המלך מנהיג כל מלכותו רק על־ידי הדיבור, וכל נצחון של המלכות דקדושה, שהוא מלכות משיח, הוא על־ידי הדיבור. וזה בחינת כל ספר תהלים, שיסד דוד המלך, עליו השלום, שהוא שורש מלכות משיח, והיה לוחם מלחמות ה' כל ימיו בגשמיות וברוחניות, ונצח כולם על־ידי הדיבור־פה, דהיינו על־ידי ריבוי תפלות ותחנונים ושירות ותשבחות בלי שיעור, עד שכלל כולם ברוח־קדשו בספר תהלים. ועל־כן זכה באמת למלכות נצחי, שהוא מלכות משיח. ועל־כן ברוב מזמורי תהלים מתחיל בהם "למנצח", כמזהיר ואומר לכל מי שרוצה ליכנס ללחום מלחמות ה' (שכל אדם מוכרח בזה, כי רק בשביל זה נברא) ורוצה לנצח המלחמה בשלימות, יאמר מזמורים אלו, **כי על־ידי הדיבורים הקדושים ינצח הכל בודאי**.

**כה.** עיין בספרו חומת ענך על במדבר ל', ג', וז"ל: והרב עיר וקדיש רבינו מהר"ר **חיים ויטאלז**"ל פי' משם הרב מהר"ר **שמעון טירנוז**"ל, **לא יחל דברו**- לא יעשה דברו חולין. הלא תראה, **ככל היוצא מפיו יעשה**- כי כל אשר ידבר הוא פועל למעלה אם לטוב אם למוטב. שאם ידבר דברי תורה ודברי קדושה, מעורר ברוחניות ובקדושה למעלה. ואם ח"ו מדבר לשון הרע ודברים האסורים, הוא פועל בסט"א ח"ו. וז"ש ככל היוצא מפיו יעשה למעלה אם טוב או לאו, עכ"ד.

דאכט זיך מיר, עס ווערט געבראכט אין "ערבי נחל"[כו], אז א מענטש וויל וויסן וואס איז מיט זיין עולם הבא, זאל ער זען ווי קוקט ער אויס מיטן דיבור; איז ער אפגעהיטן מיטן דיבור פון לשון הרע מיט רכילות, פון שלעכטע רייד, ער לערנט, ער דאווענט, ער רעדט פון אמונה, ער רעדט פון בטחון, ער רעדט גוטע זאכן, זאל ער וויסן, איז ער א בן עולם הבא!

דער דיבור, אט דאס זאגט אויף דעם 'עולם הבא' פון א מענטשן - אזוי שטייט אין ערבי נחל.

## כח הבחירה בדיבור

בפרט אז מיר ווייסן, בדרך כלל, אויפן מח קען מען זיך נישט גאר שטארק משתלט זיין, ווייל דער מח פון א מענטשן, מכח דאס פסולת וואס ער האט אין זיך, טראכט זיך ביי אים כסדר זאכן "אשר לא כדת", און זיך שלאגן מיט דעם איז זייער שווער, ווייל וואס מער מען שלאגט זיך, גייט עס אריין טיפער. די עצה איז נאר - נישט מסכים זיין אויף די מחשבות, איבערגיין אויף אנדערע מחשבות, ביז די מחשבות פון פסולת ווערט אליין פארגעסן[כז].

דאס איז אַן עבודה תמידית ביי א מענטשן, די עצה איז נאר היסח הדעת, ווייל 'זיך שלאגן דווקא' - דאס קען מען נישט, נאר אז מען איז מסיח דעת, מען איז עוסק אין אנדערע זאכן, גייט אוועק די שלעכטע מחשבה. מען זאל נאר נישט אליין צוהעלפן די שלעכטע מחשבה. אבער עם כל זה, די שלעכטע מחשבות קומען אליין 'אפילו שלא ברשות', דער מענטש זאל נאר נישט צוהעלפן דאס טראכטן, נאר טראכטן גוטע זאכן ביז עס ווערט נשכח - דאס איז א גאנצע עבודה.

---

**כו.** עיין שם פר' האזינו: **וא"כ מי שחפץ להבין בעצמו אם בן עולם הבא הוא, יבין כשיחקור באיזה דיבורים הוציא כל ימיו כי זה הוא העיקר.** וכעי"ז כותב גם בפר' בראשית.

**כז.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ע"ב; סי' רל"ג; תניינא סי' נ'.

אבער אויפן דיבור - אויפן דיבור האט מען א שטארקערע בחירה צו בוחר זיין בטוב, צו רעדן הייליגע דיבורים, נישט רעדן קיין שלעכטס, אויף דעם קען א מענטש מער זיך משתלט זיין, יא צו עפענען דעם מויל אדער נישט עפענען דעם מויל, וויסן אויף וואס מען דארף פארמאכן דעם מויל און אויף וואס מען דארף עפענען דעם מויל[כח].

## די עצה ארויסצוקלאפן פחדים

בדרך כלל איז דאס טאקע דער תיקון אויפן מח, אז דער מענטש רעדט.

עס ווערט געבראכט[כט], די חשמונאים בשעת זיי זענען געגאנגען אין מלחמה, האבן זיי געהאט א געוואלדיגע פחד, זיי זענען געגאנגען מעטים קעגן רבים, חלשים קעגן גיבורים. עם כל זה, אויפן וועג, כדי מגביר צו זיין ביי זיי די אמונה און בטחון, האבן זיי אויפן וועג געזאגט 'פסוקי בטחון', זיי האבן גע'חזר'ט 'פסוקי בטחון'.

אז א מענטש רעדט הייליגע דיבורים, ער טראכט אריין אין דעם דיבור וואס ער זאגט, ווערט ער נכלל אין דעם, עס ווערט דערוועקט דער חלק הטוב פון זיין מח און ער הויבט אָן מיטצוהאלטן מיט זיין דיבור.

אט דאס איז די עצה פון א מענטשן, דער תיקון המח איז תיקון הדיבור. דאס הייסט, דער דיבור דארף מתקן זיין דעם מח.

אט דאס איז טאקע די עצה; למשל אז א מענטש האט פחדים, אז ער וועט דאס וועלן ארויסקלאפן מער בכח, וועט עס נישט

**כח.** עיין ליקוטי הלכות הל' חדש ה"ד, אות ח': **השם יתברך נתן כח להבחירה**, שיהיה כח להאדם להמשיך הרוח דלעילא כרצונו דרך הקדושה, או להיפך ח"ו, **והעיקר עלידי הדיבור**, שבו ברא השם יתברך את העולם ובו עיקר ההנהגה והממשלה. ועלכן 'דיבור' - לשון מנהיג ומושל, כידוע.

**כט.** עיין מגן אברהם או"ח סי' רצ"ה בשם התשב"ץ שכהני חשמונאי אמרו מזמור "יושב בסתר" (- שמלא בפסוקי בטחון) בעת שיצאו למלחמה ובכח זה נצחו.

ארויסגיין; נאר ער זאל זאגן, **"ה' לִי וְלֹא אִירָא"**[ל], **"לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי ה'"**[לא], **"בְּךָ ה' חָסִיתִי אַל אֵבוֹשָׁה לְעוֹלָם"**[לב], **"איך האב פאר קיינעם נישט מורא נאר פאר השי"ת"**, **"דער אויבערשטער קען מיר העלפן, און ער וועט מיר העלפן, און איך האף אז ער וועט מיר העלפן!"** - ביז ער הויבט אָן צו שפירן אז דער אויבערשטער וועט אים העלפן - און דער אויבערשטער העלפט אים טאקע. אט דאס הייסט אז די עצה איז "דיבור".

## זיך איינקווארטירן מיטן מויל

עס שטייט פון דעם הייליגן רבי'ן ר' אלימלך[לג]: **"שִׂמְחָה לָאִישׁ בְּמַעֲנֵה פִיו"**. "מענה" איז מלשון 'מָעוֹן' - א וואוינונג; דער מענטש דארף זען צו רעדן הייליגע דיבורים און וואוינען אין די דיבורים וואס ער רעדט.

נישט קוקן ווי ער איז, ווי ער קוקט אויס, די מעשים וואס איז געווען מיט אים, נאר לערן, דאווען, זיי ביי דעם דיבור, זיי ביי דעם דיבור וואס דו רעדסט, וואוין דארטן, וואוין אין דעם דיבור.

עס שטייט פון בעל שם טוב[לד]: **"בֹּא אַתָּה וְכָל בֵּיתְךָ אֶל הַתֵּבָה"** - זיי אין די **תיבות** (- ווערטער), געפין זיך אין די מחשבות, געפין זיך אין די דיבורים, ביסטו דארטן; ווייל א מענטש, ווי ער טראכט, דארטן איז ער[לה]; אט דאס איז דער כח הדיבור.

---

**ל.** אדון עולם - תפילת שחרית.

**לא.** בראשית מט, י"ח.

**לב.** תהלים עא, א'.

**לג.** עיין סו"ס נועם אלימלך בליקוטי שושנה ד"ה "או יאמר שמחה לאיש כו'", עיין שם.

**לד.** עיין באריכות בספר בעש"ט עה"ת פר' נח - עמוד התפילה.

**לה.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' כ"א, אות י"א; מובא הרבה בספרי התולדות ובספרי תלמידי הבעש"ט בשמו.

אט דאס איז דער "**שמחה לאיש במענה פיו**"; אז ער רעדט הייליגע דיבורים, ער וואוינט אין די דיבורים וואס ער רעדט, דורכדעם באקומט מען א געוואלדיגע שמחה, ווייל סוף כל סוף גייט מען איבער אינגאנצן אין א מדור של קדושה.

דער מדרש זאגט אין איכה אין "פתיחתא"[לו], פארוואס רופן זיך אידן, "טוחנות" (- מילן)? ווייל ביי אידן שטייט: "**וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה**"; ממילא, אזוי ווי די 'טוחנות אינם בטלים לעולם' - די מילן האלטן אין איין מאָלן ווייץ פאר דער וועלט 'יומם ולילה', אזוי אויך האלטן די אידן אין איין מאכן מיט דער ליפן, זיי האלטן אין איין לערנען און דאווענען.

קומט אויס, אט דאס איז דער מציאות פון א איד! דער מציאות פון א איד איז, עוסק זיין 'בפה'!

## דער היינטיגער בית המקדש

עס שטייט פון גאון[לז] אויף דער לעצטער משנה אין "תמיד" פון "**השיר שהיו הלויים אומרים במקדש**", וואס יעדער טאג האט זיך געהאט א געוויסער קאפיטל וואס דאס איז געווען די שירה פון דעם טאג, וואס "**ביום הראשון היו אומרים: 'לה' הארץ ומלואה', ובשני היו אומרים** (וכו')", אז לכאורה וואס איז דער טעם פון דעם סדר פון די קאפיטלעך אויף וואס די לויים האבן געזאגט שירה?

ברענגט דער גר"א אראפ א זוהר, אז דאס גייט אויף די זעקס טויזנט יאר (של קיום העולם), ווייל די 'שיתא אלפי שנין' - די זעקס טויזנט יאר - וואס דערנאך גייט דער 'אלף השביעי', איז א בחינה פון א וואָך.

זאגט ער, אין די ערשטע טויזנט יאר האט די וועלט געגעבן גאר אסאך שפע, מענטשן האבן געלעבט הונדערטער יארן, מען איז

---

**לו.** הקדמה פס' כ"ג.

**לז.** עיין בחידושי הגר"א במשנה שם.

געוועז שטארק אזוי ווי מאָטאָרן[לח]. עס ווערט געבראכט[לט], ביזן מבול איז נישט געוועזן קיין 'תשעה ירחי לידה'; עס איז א מחלוקת אין מדרש צו מען האט געהאט א קינד ביי איין טאג צו ביי דריי טעג(!) און ווי נאר זיי זענען געבוירן געווארן, זענען זיי געווען שוין שטארק אזוי ווי גיבורים אדירים. און די וועלט האט געגעבן זייער אסאך שפע, עס האט גערעגנט איינמאל אין צוויי אין פערציג יאר וואס דאס האט געגעבן שפע אויף די קומענדיגע צוויי אין פערציג יאר![מ] חוץ דעם איז געווען שטענדיג דער לופט אזוי ווי 'בין פסח לעצרת'[מא].

קומט אויס, די ערשטע טויזנט יאר איז געווען א גרויסע שפע אויף דער וועלט. אנטקעגן דעם האבן די לויים געזאגט שירה אין בית המקדש 'ביום הראשון': "לה' הארץ ומלואה".

אין דעם צווייטן טויזנט איז געווען א חידוש אין דער וועלט; וואס איז געווען דער חידוש? דער אויבערשטער האט מגלה געווען פאר אברהם אבינו אוואו עס איז די נקודה פון דער וועלט וואס דאס איז זיין פלאץ - די נקודת בית המקדש. דערפאר זאגט מען: "**גָּדוֹל ה' וּמְהֻלָּל מְאֹד בְּעִיר אֱלֹקֵינוּ הַר קָדְשׁוֹ**"; אט דאס האבן זיי געזאגט דעם צווייטן טאג.

מען געפינט אין כמה מדרשים[מב], אז "**צַוָּארֵךְ כְּמִגְדַּל הַשֵּׁן**"[מג] "**וַיִּפֹּל עַל צַוְּארֵי בִנְיָמִן**"[מד], דאס גייט ארויף אויף די בתי מקדשות. זאגט

**לח.** עיין ספר "הכתב והקבלה" עה"ת בראשית ט, יג: וכבר ראינו בספרי חכמי העמים המספרים מטוב ימי חיי אדם קודם המבול וקראו הדורות ההם (גאלדנעס צייט אלטער) דורות זהב.

**לט.** עיין בראשית רבה לו, א.

**מ.** עיין מדרש שם יג, ט'.

**מא.** עיין מדרש שם לד, י"א.

**מב.** עיין מדרש לקח טוב על שיר השירים ז, ה'.

**מג.** שיר השירים ז, ה'.

**מד.** בראשית מה, י"ד.

דער רבי ר' בונם פון פרשיסחא[מה], פארוואס רופט זיך דער בית המקדש "צוואר"? ווייל דער צוואר איז מקשרביים מענטשן זיין קאפ מיט זיין גוף, אזוי אויך דער בית המקדש דאס איז די נקודה וואס מיט דעם וועט סוף כל סוף ווערן מקושר די וועלט מיט אלע עולמות מיט השם יתברך.

דאס הייסט, די וועלט אָן די עולמות עליונים איז אזויווי א גוף אָן קיין קאפ; דערפאר רופט זיך דער בית המקדש "צוואר", ווייל דאס וועט מקשר זיין די וועלט מיט אלע וועלטן.

אט די נקודה האט דער אויבערשטער מגלה געווען ביים צווייטן אלף; דערפאר "ביום השני" האבן די לויים געזאגט שירה "גדול ה' ומהולל מאד בעיר אלקינו הר קדשו".

אין דעם דריטן טויזנט, דעמאלס האט דער אויבערשטער געגעבן די תורה לישראל, 'והשרה שכינתו' ביי אידן. איז ווייל עס איז געווען ביי אידן השראת השכינה, מען האט געלערנט און געדאווענט, עס איז געווען נביאים מיט בעלי רוח הקודש, דערפאר זאגט מען "**אֱלֹקִים נִצָּב בַּעֲדַת אֵ-ל**"; אט די שירה האבן זיי געזאגט דעם דריטן טאג.

אין דעם פערטן טויזנט איז געווען דער חורבן בית המקדש, דאס הייסט, כ"ה שנים פאר דעם סוף פון דעם אלף הרביעי איז געווען דער חורבן בית המקדש, איז אנטקעגן דעם האבן זיי געזאגט: "**אֵ-ל נְקָמוֹת ה', אֵ-ל נְקָמוֹת הוֹפִיעַ**", אז דער אויבערשטער זאל זיך נוקם זיין אין די מחריבי בית המקדש, און אין די שונאי ה' וישראל.

דער פינפטער טאג גייט אויף דעם אלף החמישי, דאס איז מרמז אויפן חורבן, וואס ביז עס וועט ווערן געבויעט דער בית המקדש

---

**מה.** עיין רמתיים צופים על תנא דבי אליהו פרק ב' אות ע"ח: וכמו ששמעתי מכ"ק אדמו"ר וכו' מו"ה שמחה בונם מפרשיסחא זי"ע על פסוק (תהלים ע"ה, ו') תדברו בצוואר עתק. כי הצוואר הוא חיבור הראש שהוא כלי לרוחניות עם הגוף שהוא מגושם הרבה ביותר. וכמו כן אנחנו בני ישראל על ידי התורה. **ובית המקדש נקרא צווארו של עולם שמחבר ה' יתברך והעולמות אפילו השפלים ביותר**. עיין גם בליקוטי הלכות הל' ערב ה"ה אות ל"ח.

במהרה בימינו, רופט זיך עס נאך 'אלף החמישי'. איז אין דעם פינפטן טאג האבן זיי געזאגט: "**הַרְנִינוּ לֵאלֹקִים עוּזֵּנוּ**", דאס איז מרמז אז מען פארמאגט נישט היינט קיין נביאים, עס איז נישטא קיין זאך נישט; איין זאך פארמאגט מען - א חשובע זאך - "**הרנינו לאלקים עוזינו**"; דאס הייסט - מרַנן זיין. דאס איז מרמז אויף די תורה. אזויווי עס שטייט ביי רבי שמעון'ען[מו]: "**מרַנן בִּרְנָנָה דאורייתא**". און די זעלבע זאך, 'תפילה' הייסט אויך 'רינון פה'.

מיר האבן נישט נאר 'רינון פה', אט דאס פארמאגט מען אין דעם 'אלף החמישי'.

קומט אויס, דער היינטיגער בית המקדש, דער היינטיגער קשר פון א אידן מיט השם יתברך, איז דער 'דיבור', דיבורי תורה, דיבורי תפילה, ביז עס וועט געבויעט ווערן בקרוב בימינו דער בית המקדש, דעמאלס וועט גאר אנדערש שיינען די דיבורי תורה ותפילה.

בימי הגלות איז נישטא קיין אנדערע זאך זיך צו דערהאלטן, נאר מיט די דיבורים, אט דאס איז דער בית המקדש וואס איז מקשר א איד מיט ה' יתברך![מז].

## אנגעהויבן זען א שינוי אין די קינדער

עס האט מיר דערציילט ר' אלי' ראטה (זאל זיין געזונט און שטארק) [זצ"ל] [מח], אמאל האט אים א איד געפרעגט, ער ווייסט נישט וואס

---

**מו.** עיין זוהר ויקרא דף ח' ע"ב.

**מז.** עיין ליקוטי הלכות הל' בשר בחלב ה"ה, אות כ"ז: **עיקר התחזקותינו עתה בגלות המר הזה מכל הצדדים, הוא בבחינת תולעת**, כמו שארז"ל, מה תולעת **אין כוחו אלא בפה**, כך ישראל אין כוחם אלא בפה. ועל זה עיקר סמיכתנו ותקוותנו ותוחלתנו ... כי עיקר התורה הוא בפה, כמו שנאמר, "כי חיים הם למוצאיהם",'למוציאיהם' בפה כמו שדרז"ל. וכן התפילה הוא בפה דייקא בחינת "אדנ"י שפתי תפתח".

**מח.** ה"ה **הרה"צ ר' אלי' ראטה זצ"ל**מחסידי קמאי ומצדיקי ירושלים, נולד בירושלים עיה"ק אדר שנת תרס"ה, והסתופף בצל כמה גדולים וצדיקים הקדושים, ובמיוחד שימש הגה"ק רבי שלמה מזוועהיל זצ"ל, כל ימיו סבל יסורים וקבלם באהבה ובשמחה, ומורינו הגרי"מ

מען טוט מיט חינוך הבנים, ער זעט נישט אז זיינע קינדער זאלן זיך מתקַדם זיין אין יראת שמים און אין תורה, ער האט אים געפרעגט אַן עצה.

האט ר' אלי' ראטה אים געפרעגט, "וואספארא דיבורים רעדסטו שבת ביים טיש?"...

די איינמאל א וואך וואס דער טאטע מיט די קינדער קומען זיך צונויף, וואספארא דיבורים רעדסטו דעמאלס ביים טיש?!...

ער האט אים געזאגט, זעה, פרואוו, שבת ביים טיש רעד מיט די קינדער געשמאקע דיבורים, דערצייל זיי מעשיות פון צדיקים, רעד מיט זיי פון אמונה, פון השגחה פרטית.

דער אמת איז טאקע אזוי, א מגיד שיעור קען הארעווען כמה שעות און כמה טעג כדי צו זאגן א שיעור ווייל ער ווייסט אז דאס איז זיין שטעלע - ער דארף זאגן דעם שיעור; און א טאטע פון קינדער פארגעסט אז במשך א וואך מעג ער זיך צוגרייטן א שמועס ביים שבת טיש...

מען קוקט מעשיות פון צדיקים, פון צען מעשיות קען מען געפינען א מעשה וואס פאסט צו דערציילן פאר די קינדער שבת.

אז מען דערציילט א מעשה, קינדער האבן זייער ליב א מעשה, זיי ווערן נמשך צו דעם, איז נאכדעם קען מען רעדן פון א מידה טובה - פון א גוטע מידה, פון לערנען, פון דאווענען, פון שבירת הכעס צו שבירת היצר, עס איז דא אסאך דיבורים, געשמאקע דיבורים, וואס פאַסט נאך א מעשה וואס מען דערציילט פון א צדיק, וואס דאס קען מען רעדן מיט די קינדער.

---

שליט"א נתחבב מאוד על הצדיק ר' אלי', ומידי חודש בחדשו היה עולה אל מורינו שליט"א לביתו לשוחח ולהתחזק בעניני התכלית, נסתלק בשיבה טובה אדר תשנ"ב, ולא השאיר אחריו זש"ק.

דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן[מט], "ווען מען רעדט פון צדיקים ווערט נתרומם דער מח!".

"מעשיות פון צדיקים האט א כח צו דוחה זיין צרות וחושך הרבה מן העולם!"[נ].

"עס איז ממתיק דינים"[נא].

דער רבי איז אמאל געווען ביי א תלמיד אין שטוב, און דער תלמיד איז נישט געווען ביי זיך שטוב. [קען זיין דער רבי איז געווען דעמאלס אונטערוועגנס, און ער איז אריין ביי אים ווען ער איז נישט געווען ביי זיך אין שטוב].

האט דער רבי איבערגעלאזט פאר די מענטשן פון דעם תלמיד א ווארט וואס צו זאגן דעם תלמיד; האט דער רבי געזאגט אזוי: "**וַיַּסֵּב אֱלֹקִים אֶת הָעָם**" - אז עס נעמט ארום א מענטשן דינים. 'אלקים' איז 'מדת הדין'. "**דֶּרֶךְ**" – איז די עצה - דער דרך איז, "**הַמִּדְבָּר יַם סוּף**"; 'המדבר' – צו רעדן, 'ים סוף' איז דער אותיות 'מיוסף', צו רעדן פון צדיק.

אז מען וועט רעדן פון צדיק באקומט מען א התרוממות המח, מען ווערט נתעורר, און דאס איז ממתיק דינים; אט דאס האט דער רבי איבערגעלאזט פאר די מענטשן[נב].

די כוונה פון דעם רבי'ן איז געווען, דער רבי האט געוואוסט אז עס דארף איבערגיין אויף אים א מעבר, און ער האט עס גענוצט, און דער דין איז טאקע נמתק געווארן[נג].

---

**מט.** ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ט, אות ב'; שם סי' רמ"ח.

**נ.** ספר המידות - ערך 'צדיק' חלק שני, אות א'.

**נא.** ליקוטי מוהר"ן סי' רל"ד.

**נב.** מובא בחיי מוהר"ן אות תר"ט.

**נג.** עיין גם חיי מוהר"ן אות כ'.

על כל פנים, רבי אלי' ראטה האט מיר געזאגט, דער איד האט אים טאקע געזאגט אז ער האט אנגעהויבן שבת ביים טיש ארומרעדן מיט די קינדער פיינע דיבורים, זאכן וואס פאסט פאר זיי, מעשיות, משלים, ענינים, צו דעם ווערן דאך די קינדער נמשך, און במשך הזמן האט יענער געזען א גרויסע תועלת ביי זיך אין שטוב[נד].

## ווער איז צו פארדאנקען דאס גאנצע יראת שמים זיינע?

עס איז געווען א מלמד אין "חיי עולם" וואס אלע פרייטאג פלעגט ער דערציילן מעשיות פון צדיקים. האט מיר א א איד געזאגט - ער איז געווען איינע פון זיינע תלמידים: **"דאס גאנצע יראת שמים האט ער פון די מעשיות!"**.

קומט אויס, אז מען רעדט מיט קינדער דיבורים - דיבורים פון אמונה, דיבורים פון צדיקים - דיבורים האבן א געוואלדיגן כח!

די גמרא זאגט[נה], רבי מאיר בעל הנס - ווער האט א השגה אין רבי מאיר? - רבי מאיר האט דאך געהייסן דער גרעסטער תלמיד פון רבי עקיבא[נו]. עם כל זה, זאגן חז"ל, בשעת ער פלעגט רעדן און

---

**נד.** עיין ספר יום מחמדים (פרק י"ד) וז"ל מורינו שליט"א: ובכלל יש לדעת שהדרך הכי מועילה להשיב את הילדים לדרך הטובה ולרומם אותם, היא סיפורי צדיקים. וכן היה מורה החזון איש זצ"ל. וזאת, משום שע"י סיפורי הצדיקים קולטים הנערים שיש מדות טובות ומעלות נפלאות יותר מפיתויי היצר הטפשיים, כי כל סיפור של צדיק יש בו או 'דעת תורה', או 'כפיית היצר', או 'מסירות נפש' למען איש מישראל, ואזנו קולטת שיש דברים נעלים ממה שהיצר הרע מפתה. וכשמספרים לו ממעשי הצדיקים, עוד סיפור ועוד סיפור שערבים לאזניו, הרי נכנס בקרבו מעלת חשיבות האדם הנעלה, וגם הוא נמשך להדמות אליו ולהיות כמותו.

וכמו כן מסופר על הרב מבריסק – מרן הגרי"ז זצ"ל שהיה אומר: אני חנכתי את ילדי עם עובדות של גדולים. ויש לדעת שכח הסיפורים מועיל הרבה יותר ממוסר גלוי, ואין סגולה טובה ומועילה מזה, מלהרבות בסיפורי צדיקים על לב הילדים, ומתוך הנסיון יש בהם תוצאות ברוכות מאד, ובפרט בשולנות של שבת וימים טובים, שיושבים יחד, להרבות בסיפורי צדיקים להשיב הלבבות אליו ית"ש.

**נה.** סנהדרין ל"ח ע"ב.

**נו.** עיין גמ' עירובין דף י"ג ע"א.

דרש'נען איז איין שליש געווען משָלים, איין שליש איז געווען אגדה, און איין שליש איז געווען הלכה, דורכדעם האט ער אלעמען כולל געווען ביי זיינע דיבורים.

אנדערע זענען נמשך געווארן דורך די אגדה, במילא האט מען דערנאך גוט דערהערט די הלכה. און אנדערע זענען נמשך געווארן דורך די משלים.

דאס הייסט, ער האט גערעדט אגדה, משלים, וואס דאס איז דאך אלץ דיבורי אמונה, דיבורים פון מידות טובות, דאס איז תורת אמת, און דורכדעם האבן זיי נאכער געהערט הלכות.

## א איד רעדט פון אמונה!

א איד אויף דער וועלט - ווי שטייט? "**שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו**" - מען דארף רעדן פון אמונה!

מיין טאטע ע"ה[נז] האט מיר געזאגט; עס שטייט דאך: "**וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ, וְדִבַּרְתָּ בָּם בְּשִׁבְתְּךָ בְּבֵיתֶךָ, וּבְלֶכְתְּךָ בַדֶּרֶךְ, וּבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ**", וואס אינ'אמת'ן גייט דאך דאס אויף קריאת שמע, עס גייט אויף די תורה, "ושננתם" - 'שיהיו דברי תורה מחודדים בפיך'[נח].

**נז.** ה"ה **הרה"ח רבי דוד** ב"ר יעקב גדלי' **שעכטער ז"ל**, נולד בשנת תר"ס בעיר העתיקה בירושלים, והתייתם מאביו כבן ארבע עשר וחצי בערך, בעת מלחמת העולם הראשונה. התקרב לרבינו ז"ל על ידי שראה איך שהרה"ח רבי ישראל בער אודעסער ז"ל מתפלל בתמימות ובדביקות. קיבל הרבה מתורותיו ועצותיו של רבינו ז"ל מהרה"ח רבי אברהם שטערנהארץ ז"ל. היה מחשובי אנ"ש בדור הקודם, מדקדק במצוות באהבה, חכימא דיהודאי, ובעל חסד נפלא מאד, הרבה התעסק עם מרי נפש ושבורי לב, וכן עסק הרבה בשידוכי מצוה, לא ראו אצלו ביטול זמן, והעיד עליו מורנו שליט"א (אוסף מכתבים חלק א' מכתב י') "שישב ולמד לילות כימים בצנעה בבתי כנסיות שונים, שהיו שם ספרים רבים ומתוקים" ועל כולם היה ענוותן ושפל ברך נפלא, הזהיר שלא לכתוב על מצבתו שום דבר שבח, נפטר בי"ב ניסן שנת תשל"ד לפ"ק, ומנוחתו כבוד בהר המנוחות בירושלים עיה"ק תובב"א.

**נח.** קידושין ל' ע"א.

אבער עם כל זה, אז מען בארעכנט זיך, איז דאך דא אַן ענין פון "אין המקרא יוצא מידי פשוטו". למעשה, דער "ודברת בם" און דער "ושננתם לבנך", שטייט ביי "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד", און ביי "ואהבת"; איז מצד 'אין המקרא יוצא מידי פשוטו', איז פשט, אט דאס דארף זיין די דיבורים פון א איד צווישן חברים און פאר קינדער - רעדן פון אמונה, רעדן פון בטחון, רעדן פון צדיקים![נט].

דאס ברענגט אויך אריין א רוח הקודש פון עבודת השם, אזויווי עס שטייט[ס]: **"רוּחִי אֲשֶׁר עָלֶיךָ וּדְבָרַי אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְּפִיךָ לֹא יָמוּשׁוּ מִפִּיךָ וּמִפִּי זַרְעֲךָ וּמִפִּי זֶרַע זַרְעֲךָ אָמַר ה' מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם"**[סא].

## פון וואנעט האט דאס הארץ זיך צעברענט?

דער רבי איז געבוירן געווארן אין מעזיבוש, דארטן איז געווען דער מקום פון דעם בעל שם, און דארטן ביי זיין טאטן פלעגן איינשטיין אלע תלמידי בעל שם מיט די תלמידי המגיד - ווען זיי פלעגן מבקר זיין אין מעזיבוש פלעגן זיי איינשטיין ביי רבי שמחה'ן (אבי רביז"ל). האט דער רבי געהערט דארט אסאך מעשיות פון צדיקים, פון זייערע עבודות, פון זייער קדושה און מופתים און ענינים.

האט דער רבי געזאגט[סב], אט דאס איז אים געווען איינע פון די גרעסטע עיקרים וואס האט אים אסאך מעורר געווען און מלהיב געווען זיין הארץ צו השי"ת - פון אט די דיבורים פון די סיפורי

---

**נט.** עיין ליקוטי הלכות הל' נזיקין ה"ה, אות כ"ג: **עיקר האזהרה שבקריאת שמע שמזהיר על האמונה הקדושה**, כמו שאומרים "שמע ישראל וכו' ודברת בם בשבתך בביתך", **שבכל ישיבתו בביתו ידבר בהאמונה הקדושה שהוא כלל התורה**.

**ס.** ישעי' נט, כא.

**סא.** עיין ליקוטי עצות ערך 'דיבור' אות י"ח (עפ"י ליקו"מ סי' ע"ח הנ"ל), וז"ל: **הדיבור דקדושה**, דהיינו דיבורי תורה ותפלה ויראת שמים, **הוא גבוה ויקר מאד**. כי הדיבור דקדושה הוא בחינת השכינה, בחינת התגלות מלכותו ואמונתו יתברך. והוא בחינת רוחו של משיח ובחינת **רוח הקודש**ובחינת תחיית המתים, בחינת יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה.

**סב.** עיין שיחות הר"ן אות קל"ח.

צדיקים, פון די מעשיות וואס ער האט געהערט פון די תלמידי בעל שם ותלמידי המגיד.

## נישט געקענט אויסלאזן דעם 'שם שמים'

עס איז דא א ווארט; "**הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב, וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו**"[סג]. פשוט איז דער פשט, אז יצחק האט אנגעטאַפּט יעקב'ס הענט האט ער געזען אז עס איז שׂעירות, ווייל רבקה האט דאך ארויפגעטון די 'גדיי עיזים' און עשו איז דאך געווען אַן 'איש שעיר', דערפאר האט ער געמיינט אז עס איז עשו, אבער דאס קול האט ער דערקענט אז דאס איז יעקב'ס.

אבער אינ'אמת'ן, כ'האב אמאל געזען[סד], יעקב אבינו איז דאך געווען א צווילינג מיט עשו'ן, און יעקב איז דאך געווען אַן "איש תם" - וואס 'תם' איז שלימות; א שלימות'דיגער מענטש קען אלצדינג, ער האט אלע תכונות, ער האט אלע חושים. אז א געוועגליכער מענטש קען אמאל נאכמאכן א קול פון אַן אנדערן מענטש, איז דאך דער שלימות פון יעקב געווען גאנץ, מושלם, צו מאכן אזא קול פונקט ווי עשיו, און עס קען זיין אז ער האט עס טאקע געטון.

נאר וואס איז דער "הקול קול יעקב"? רש"י זאגט[סה], ער האט געזען אז דער 'שם שמים' איז 'שגור בפיו'.

איז דער פשט אזוי, נאכמאכן דעם קול פון עשו'ן - האט ער געקענט, אבער רעדן און נישט דערמאנען דעם בורא עולם - דאס האט ער נישט געקענט![סו].

---

**סג.** בראשית כז, כב.

**סד.** עיין רמב"ן עה"ת על בראשית כ"ז, י"ב.

**סה.** על פסוק בבראשית כז, כא - "גשה נא ואמושך".

**סו.** עיין אמרי אמת פר' תולדות ד"ה "מה זה מהרת".

אט דאס האט ער געזאגט: "הקול קול יעקב" - דו רעדסט ווי יעקב רעדט! עשו רעדט נישט אזוי, עשו דערמאנט נישט דעם שם שמים.

ווייל דאס איז א איד - ער רעדט פון השי"ת, ער רעדט פון השגחה פרטית, ער רעדט פון אמונה!

אט דאס איז א דוגמא פון א אידן מימות אבותינו אברהם יצחק ויעקב!

# עמודי התווך

הני אנשי שלומינו החשובים, העוסקים בתורה בעבודה
ובגמילות חסדים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי
חודש בחודשו בהוצאת הקונטרס הקדוש כזה

ה"ה

## מוה"ר ישכר דוב קויפמאן הי"ו
## מוה"ר אברהם שלום היימליך הי"ו
## מוה"ר נתנאל שטיינמעץ הי"ו

**וממנו ילמדו וכן יעשו לעשות 'מעשי חייא'**
**שלא תשתכח תורה מישראל**

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות רביה"ק נגמ"ח זי"ע יעמוד להם ולזרעם
אחריהם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# חזק ואחוז עצמך

עס איז נישטא קיין חסידות וואס איז איבערגעגאנגען אזויפיל מחלוקת, אזויפיל רדיפות, משונה׳דיג משונה׳דיג, און "**עֲצַת ה׳ הִיא תָקוּם, עֲצַת ה׳ לְעוֹלָם תַּעֲמֹד**"; ברוך השם, נישט נאר עס טלועט, נאר עס ווערט נאך גרעסער און גרעסער, גוזמאות פון מענטשן זענען ארויס פון שאול תחתיות, מענטשן וואס געפינען זיך אין אזעלכע מצבים וואס דער בעל דבר גיט זיי א פארבינד און מען ווייסט נישט ווי ארויסצוקריכן – און פון רבי׳נס א ווארט זענען זיי ארויס ממות לחיים!

דאס איז א זאך וואס איז מפורסם אין דער וועלט, עס איז ידוע אין דער וועלט, מענטשן וואס זענען געווען אזוי פארדרייט מיטן בעל דבר, אזוי פארפלאנטערט, אבער אז זיי האבן געזען דעם רבי׳נס דיבורים, האבן זיי געשפירט ממש ווי דער רבי רעדט צו זיי אליין!

עס איז דא אסאך מעשיות, אסאך עובדות, אסאך דוגמאות, עס איז נישטא קיין צייט צו מאריך זיין. מען דארף דאנקען דעם אויבערשטן.

(הילולת רביה״ק ח״י תשרי שנת תשע״ח לפ״ק)